אויף תיכף ארויסצוגעבן: 4/8/2024 גאווערנער קעטי האקול

**גאווערנער האקול אנאנסירט עפענונג פון TERMINAL B EVENTS CENTER און BELL SLIP**
**אזוי ווי ליקוי חמה ווערט געפייערט אויף באפעלאו'ס דרויסנדיגע האפן**

***פראיעקטן לייגן צו לעבהאפט און פובליק צוטריט אויף באפעלאו'ס וואסער ברעג***

***בילדער פון די Terminal B Events Center זענען פארעפנטליכט [דא](#)***

***בילדער פון Bell Slip פארבעסערונג פראיעקט פארעפנטליכט [דא](#)***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט די עפענונג פון די Terminal B Events Center און די ניי-פארבעסערטע Bell Slip אויף די דרויסנדיגע האפן אין באפעלאו.ביידע פראיעקטן פון די ערי קאנאל האפן אנטוויקלונג קארפאראציע (Erie Canal Harbor Development Corporation, ECHDC) גיבן פאר איינוואוינער און באזיכער נייע וועגן צו צוקומען צו- און געניסן פון- אלע פון די דרויסנדיגע האפן'ס איינריכטונגען און אטראקציעס. די היינטיגע אנאנס קומט אין דעם זעלבן צייט ווי די זעלטענע פולשטענדיגע ליקוי חמה וואס גייט אריבער מערב ניו יארק, א געשעעניש וואס איז אויך ערווארטעט צו צוציהען פארזאמלטע צו די באפעלאו וואסער ברעג.

"די Terminal B Events Center און Bell Slip פארבעסערונג פראיעקט סימבאליזירן די קומענדיגע שטאפל אין אונזער טראנספארמאציע פון באפעלאו'ס דרויסנדיגע האפן", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "זיי וועלן העלפן זיכער מאכן אז דורות פון מערב ניו יארקער וועלן פארזעצן צו געניסן פון די וואסער ברעג, מיט איר גאנצע נאטורליכע שיינקייט און אלע אירע פארווייילונג געלעגנהייטן. עס פאסט זיך אז מיר זאלן עפענען די לאקאציעס אויף דעם זעלבן טאג וואס מיר זעהען צו א פולשטענדיגע ליקוי חמה — א ספעקטאקל וואס קומט פאר אמאל אין א דור."

די 13 מיליאן דאלארדיגע Terminal B Events Center (בילדער [דא](#)) שאפט א נייע דרויסנדיגע צענטער פאר געשעענישן און ארומיגע אפענע פלאץ דורכן איבערבויען א ליידיגע סטורקטור און אויסנוצן עקזיסטירנדע פארקינג, בשעת'ן צוריקברענגען 7 אקער פון פארפעסטיגטע שטח צום באנוץ צו עפענען מער עפנטליכע צוטריט מיט נייע בליקן אויף די לעיק. דער פראיעקט האט איבערגעטוישט די עקזיסטירנדע 100,000-סקווער-פיסיגע ארומגעצוימטע סטרוקטור צו אן אפענע סטרוקטור וואס האט א פלאטפארמע אונטער א דעכל וואס וועט גענוצט ווערן פאר פארשטעלונגען, נאָנ-פראפיט געשעענישן און קולטורישע ארגאניזאציעס. לענגאויס די אונטערשטע חלק פון די געשעענישן סטרוקטור זענען נייע פונדאמענטאלע עלעמענטן און טרעפ צוגעלייגט געווארן צו פארמערן צוגענגליכקייט. די עקזיסטירנדע געסל פון פעך איז רענאווירט געווארן, מיט א צווייטע פיסגייער וועג צוגעלייגט ארום די שיפע גראז, זיך פארבינדנדיג צו די עקזיסטירנדע גראזיגע שטח פאר געשעענישן אויף די זייט פון די לעיק און די פארצווייגטע וועגן. באלייכטונג אויף די שטח און אנדערע סעקיורירטי מאסנאמען זענען אינסטאלירט געווארן נעבן די סטרוקטור און לענגאויס די פיסגייער וועגן וואס פירן צו די הויפט אריינגאנג. אין די

פארגאנגענהייט גענוצט אלס א סטארעדזש איינריכטונג — איז דאס די ערשטע מאל וואס Terminal B איז געווען צוגענגליך פאר די פובליקום זינט 1967.

שיפע גראז מיט זאנעס פאר לאקאלע פלאנצונגען/באשעפענישן צו לעבן איז אויך אוועקגעשטעלט געווארן אויפן פלאץ, גיבנדיג א נאטורליכע אויסקוק פאר די פלאץ. אינערהאלב די שיפע גראז געפונט זיך א באלקאן צו ארויסקוקן און איז קאנצענטרירט אויף די וואסער. די זאמד אומשטענדן אריבער די גאנצע שטח פון דעם פראיעקט זענען פארבעסערט געווארן, נאכפאלגנדיג ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג (Department of Environmental Conservation) רעגולאציעס. נייעביימער, בושעס און פעלד שטחים זענען צוגעלייגט געווארן צו מאכן די ערד מער פארשידנארטיג צו שטיצן פויגלעך וואס פליהען אריבער און וואס בויען נעסטן.

דער 5 מיליאן דאלארדיגער Bell Slip פארבעסערונג פראיעקט (בילדער [דא]) לייגט צו פילע לאנג-באגערטע איינריכטונגען צו באפעלאו'ס דרויסנדיגע האפן, אריינרעכענענדיג אן עפנטליכע בית הכסא געביידע און נאך א פארקינג לאט אויף א צענטראלע לאקאציע. אן איבערגעדעקטע פלאץ צו זיצן געפונט זיך אויף איין זייט פון די בית הכסא געביידע, מיט די פנים צו Bell Slip. א נייע באלקאן ביי Bell Slip פון וואו ארויסצוקוקן ערלויבט אויך די פובליקום זיך צו דערנענטערן מער צו די וואסער'ס עק, און וועגן פאר פיסגייער און ביציקלעך זענען עטוואס געענדערט געווארן צו גיבן א פארבינדונג צו Fuhrmann Boulevard. א גרויסע טייל פון די שטח רעכנט אריין זאמד ענדערונגען און לענדסקעיפינג פארבעסערונגען, אריינרעכענענדיג וואלד, פעלד שטחים, גראזיגע שטחים און פעלדער פאר באשטויבנדע באשעפענישן.

די סקעדזשול פון געשעענישן פאר זומער 2024 ביי די Canalside און די דרויסנדיגע האפן וועלן פארעפנטליכט ווערן בקרוב אויף [buffalowaterfront.com]. Outer Harbor Live! ביי Terminal B וועט זיך אנהויבן אום מאי 24 מיט טשעפעל ראָון.

פינאנצירונג פאר די Terminal B Events Center און Bell Slip קומט פון די ניו יארק פאווער אויטאריטעט (New York Power Authority, NYPA), דורך אפמאכן צו באנייען לייסענסעס אין פארבינדונג מיט די אפעראציע פון דעם 'ניאגרא פאווער פראיעקט' (Niagara Power Project). NYPA האט טראנספערירט דאס לאנד פאר די פארק צו ECHDC אין מאי 2012 אלס טייל פון די באפעלא און ערי קאונטי ווידער-לייסענסינג שליכטונג אפמאך פאר די ניאגארא פאוער פראיעקט.

**עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט פרעזידענט, CEO און קאמישאנער, האָופ נייט, האט געזאגט,** "די דערפרייענדע צוגאבן צו די דרויסנדיגע האפן וועלן ברענגען אפילו מער לעבהאפט, און אזוי אויך פארבעסערטע עפנטליכע צוטריט, צו איינס פון מערב ניו יארק'ס מערסט הנאה'דיגע דעסטינאציעס. דורכן ווייטער פאראויס רוקן גאווערנער האקול'ס חזון פאר די באפעלאו וואסער ברעג, וועט דער זומער זיין א סעזאן וואס מען טאר נישט פארפאסן אויף די דרויסנדיגע האפן."

**ECHDC פארזיצערין, דזשאָוען קעסנער, האט געזאגט,** "מיר ענטפאנגען די פובליקום צו די צוויי הערליכע נייע דעסטינאציעס וואס פארבינדן ווייטער די שטאט צו באפעלאו'ס וואסער ברעג. צי איר זוכט צו זעהן א קאנצערט, שפאצירן אויף די עק פון די וואסער אדער געניסן פון א שטילע אויסלופטערונג, טוט גאווערנער האקול'ס אדמיניסטראציע ארבעטן שווער צו עפענען אונזער וואסער ברעג און עס מאכן א פלאץ פאר יעדן צו געניסן. די פארבעסערונגען בויען ארויף אויף באגייסטערנדע לעצטנס-פארענדיגטע פראיעקטן אדער אזעלכע וואס זענען יעצט אונטער קאנסטרוקציע ביי די Canalside און דרויסנדיגע האפן."

**NYPA פארזיצער און באפעלאו איינוואוינער, דזשאן ר. קאָולמעל, האט געזאגט,** "אלס טייל פון באנייטע לייסענסירונג אפמאכן פארבינדן מיט דעם ניאגרא פאוער פראיעקט, טוט NYPA פינאנצירונג שטיצן די איבערבויאונג פון באפעלאו'ס וואסער ברעג, וואס איז ארויסגעוואקסן אלס אן ערשט-קלאסיגע ראיאנישע דעסטינאציע אונטער גאווערנער האקול'ס פירערשאפט. די Terminal B Events Center און ניי פארבעסערטע Bell Slip זענען די לעצטע צוגאבן צו באפעלאו'ס דרויסנדיגע האפן, און זיי וועלן צושטעלן פארמערטע צוגענגליכקייט און נאך איינריכטונגען אין די געגנט, מאכנדיג דאס גרינגער פאר מערב ניו יארקער און זייערע פאמיליעס צו אויסנוצן די פארוויילונג געלעגנהייטן און געשעענישן."

די באפעלאו וואסער ברעג און איר אנטוויקלונג זענען פריאריטעטן פאר גאווערנער האקול — מיט די היינטיגע באנייאונג צערעמאניע זייענדיג די לעצטע דערגרייכונג אין א סעריע פון אירע באפעלאו וואסער ברעג אנאנסן. דער Wilkeson Pointe פארבעסערונג פראיעקט, וואס האט זיך אנגעהויבן אין הערבסט פון 2023, רעכנט אריין ווייטערע באזיכער זיכערהייט מאסנאמען, ווי צום ביישפיל דאס אוועקרוקן פארקינג פון די וואסער און אויף א ווייטקייט פון די פיסגייער טרעיל אויפן פלאץ. דער פראיעקט וועט אריינרעכענען א נייע עסנווארג סערוויס געביידע, בית הכסא'ס און א נייע פלאץ צו זיצן אינדרויסן, אדער אויף א טעראסע אדער אויפן ברעגע. די נייע דעזיין רופט פאר די ארטיגע עקזיסטירנדע טרעילס צו אריבערגערוקט ווערן און געהעכערט ווערן נעבן די וואסער'ס עק. די לענדסקעיפינג אינערהאלב די שטח וועט פארבעסערט ווערן מיט די פלאנצונג פון נאטורליכע פלאנצונגען, שאפנדיג פעלדער, גראזיגע שטחים און פעלדער פאר באשטויבנדע באשעפענישן. דורכאויס קאנסטרוקציע וועט די פובליקום האבן באגרעניצטע צוטריט צו Wilkeson Pointe. דער Wilkeson Pointe פארבעסערונג פראיעקט איז פלאנירט צו זיין פארטיג אין 2025. זעהט די געמאלענע דעזיין [דא](#).

**סטעיט סענאטאר טים קענעדי האט געזאגט,** "די Terminal B Events Center איז נאך אן אינוועסטירונג אין דעם לאנג-טערמיניגן חזון פאר באפעלאו'ס דרויסנדיגע האפן און צו זיכער מאכן אז אונזער וואסער ברעג דערגרייכט איר פולע פאטענציאל. די אפענע פלאץ נעמט אריין די עקזיסטירנדע נאטורליכע לאנדשאפט און שאפט אן אייגנארטיגע דרויסנדיגע ערפארונג — אזאנס וואס וועט דינען אלס די הינטערגרונט פאר קאנצערטן און געשעענישן און וואס וועט צוציהען הונדערטע טויזנטע נייע באזיכער יעדעס יאר."

**אסעמבלי מיטגליד דזשאן ד. ריווערא האט געזאגט,** "איך האב שטארק געשתדל'ט פאר די אנגייענדע צוריבערנגונג צום באנוץ פון עפנטליך צוגענגליכע לאנד לענגאויס אונזער שטאט'ס דרויסנדיגע האפן, און די עפענונג פון די Terminal B Events Center און די פארבעסערטע Bell Slip איז א וואונדערבארע פארזעצונג. די נייע געשעענישן צענטער טוט צופאסן און איבערנוצן א סטרוקטור וואס איז פון פאראויס געשטאנען ליידיג און ברענגט צוריק צום באנוץ זיבן אקער צו עפענען נאך אפילו מער פון אונזער וואסער ברעג פאר די פובליקום. מיט א פולע סקעדזשול פון זומער געשעענישן געריפן אויף די Canalside און די דרויסנדיגע האפן, איז באפעלאו טיף אונטערוועגנס צו פולקאם אויסנוצן איר גרעסטע נאטורליכע אוצר און פארמעגן. איך וויל באדאנקען די ערי קאנאל האפן אנטוויקלונג קארפאראציע, ניו יארק פאווער אויטאריטעט און גאווערנער האקול פאר זייער פארגעזעצטע פארפליכטונג צו פארשריט לענגאויס אונזער ראיאן'ס וואסער ברעג."

**סיטי אָוו באפעלאו מעיאר בייראן בראון האט געזאגט,** "עס איז געוואלדיג צו זעהן די עפענונג פון די Terminal B Events Center און די Bell Slip אויף די דרויסנדיגע האפן. זיי זענען וואונדערבארע צוגאבן צו אונזער וואקסנדע וואסער ברעג. איך באדאנק גאווערנער קעטי האקול פאר איר פארגעזעצטע שטיצע פאר באפעלאו'ס אנטוויקלונג."

**ערי קאונטי עקזעקיוטיוו, מארק סי. פאלאנקאַרז, האט געזאגט,** "די באגייסטערנדע אנטוויקלונגען ביי די נייע Terminal B Events Center און די Bell Slip געשעהן פונקט אין צייט פאר די בעפארשטייענדע

ווארעמע חודשים, און זיי וועלן זיכער זיין דערפרייענדע צוגאבן צו די דרויסנדיגע האפן. פארמערן צוטריט צו די וואסער ברעג און צושטעלן די איינריכטונגען וואס זענען נויטיג פאר באזיכער צו געניסן פון זייער צייט אויפן וואסער זענען אינוועסטירונגען וואס פארבעסערן די קוואליטעט פון לעבן און וואס שאפן געוואלדיגע ערפארונגען פאר יעדן, און איך באדאנק גאווערנער האקול פאר איר פארגעזעצטע שטיצע פון פראיעקטן פון די סארט."

**באפעלאו קאמאן קאונסיל (Buffalo Common Council) פרעזידענט, קריסטאפיער פ. סקענלאן, האט געזאגט,** "די עפענונג פון די Terminal B Events Center און דער Bell Slip פארבעסערונג פראיעקט צייכנט אפ א באגייסטערנדע דערגרייכונג פאר באפעלאו'ס וואסער ברעג, פארמערנדיג די לעבהאפט און עפנטליכע צוטריט פאר איינוואוינער און באזיכער צוגלייך. אנגייענדע פראיעקטן, ווי די עפענונג פון די Terminal B Events Center, פארטרעטן מולטי-מיליאן דאלארדיגע אינוועסטירונגען אין אונזער שטאט, צושטעלנדיג נייע געלעגנהייטן פאר קולטורישע געשעענישן, דרויסנדיגע פארוויילונג און צו געניסן פון די נאטורליכע שיינקייט פון די דרויסנדיגע האפן. איך לויב אויס גאווערנער האקול און אלע וואס זענען פארמישט פאר זייער איבערגעגעבנקייט צו צוריק אויפלעבן אונזער וואסער ברעג און שאפן פלעצער וואס וועלן גיבן הנאה פאר צוקונפטיגע דורות."

**איבער די ערי קאנאל האפן אנטוויקלונג קארפאראציע**

דער ערי קאנאל האַרבאָר אנטוויקלונג קארפארעישען ( Erie Canal Harbor Development Corporation, ECHDC) ווערט געפירט דורך א ניין-מיטגלידערדיגע באָורד וואס באשטייט פון זיבן שטימער דירעקטארס און צוויי נישט-שטימענדע, עקס-אפיסיא דירעקטארס. די זיבן שטימער דירעקטארס ווערן רעקאמענדירט דורך דער ניו יארק סטעיט גאווערנער און באשטימט דורך דער ניו יארק סטעיט אינער-שטאטישע אנטוויקלונג קארפארעישען d/b/a ׳עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט׳ אלס אייניציגער שעירהאלטער פון ECHDC. די צוויי דירעקטארס פון אנדערע אפיסעס זענען די ערי קאונטי עקזעקיוטיוו און די באפעלאו סיטי מעיאר.

אלץ אן אונטערגעבויגענע קערפערשאפט צו די עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט – די סטעיט'ס הויפט עקאנאמישע אנטוויקלונג אגענטור – שטיצט די ערי קאנאל האפן דעוועלאפמענט קארפארעישען און זי שטופט פאר דאס אויפבויען אינפראסטרוקטור און פובליק אקטיוויטעטן ביי Canalside, די Ohio Street שטרעקע און די דרויסנדיגע האפן וואס ציהט צו קריטישע מאסן פריוואטע אינוועסטירונגען און פארמערן די הנאה וואס די וואסער ברעגעס גיבן פאר איינוואוינער און טוריסטן אין מערב ניו יארק. זייער חלום איז צו אויפלעבן מערב ניו יארק'ס וואסער ברעג און צוריקברענגען עקאנאמישע וואוקס צו באפעלאו וואס איז געבויט אויף די ראיאן'ס היסטאריע פון שטאלץ, פון שטאטישקייט און נאטורליכע שיינקייט.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן